לע"נ חברינו היקר הבלתי נשכח
מוהר"ר **אברהם** ע"ה במוהר"ר
**משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דראש השנה תשע"ט לפ"ק

# גליון חיים נצחיים

א ליכטיגקייט און קלארקייט אין עבודת השם, פונעם קוואל פון הרה"ק **רבי נחמן מברסלב** זצוקללה"ה און זיינע הייליגע תלמידים זיעועכי"א

**גליון 20** | פרשת **בשלח** תש"פ

# מעג איך הָאבן בטחון?

ארויסגענומען פון ליקו"ה תפילין ה"ו, ל"א

"בטחון" וויאַזוי נוצט מען דאָס? | **איז בטחון געאייגנט פאַר יעדעם?** | פאַרוואָס זענען די אידן אין מדבר געוואָרן אָנגעצויגן ביי יעדע נסיון פונדאָסניי?

"א גוטן ר' שמואל, וואס מאכט איר עפעס, איר קוקט אויס צו זיין זייער פאר'דאגה'ט?".

"ווייסט דאך, איך ארבעט שווער" - ענטפערט מיר שמואל אינגאנצן פארסאפעט.

"אנטשולדיגט! אבער איך קען דיר עפעס פרעגן איין מינוט?".

"יא, אבער שנעל, ווייל איך יאג מיר".

"זאג נאר", פרעג איך אים, "דו גלייבסט אז דער אייבערשטער געבט דיר פרנסה?".

"יא", געבט ער מיר זיין אַנטוואָרט.

"דו גלייבסט אויך אז דער אייבערשטער האט געשפייזט די אידן אין מדבר פאר פערציג יאר אָן דעם וואס זיי האבן אריינשטעקט א קליין פינגער'ל אין קאלט וואסער?" פרעג איך אים ווידער.

"יא, יא, אוודאי. נו, נו, צו וואס ווילסטו צוקומען?"

"דאן אויב אזוי, אנטשולדיג מיר פאר'ן פרעגן, אבער פארוואס דרייסטו זיך ארום אזוי צוטראגן, דו האסט דאך געזאגט אז דו גלייבסט אז דער אייבערשטער האט מפרנס געווען די אידן אין מדבר אָן דעם וואס זיי זאל דארפן ארבעטן אזוי שווער, נו גלייבסטו נישט אז דער זעלבער באשעפער קען דיר אויך העלפן גרינגערהייט?"

"וואס? ביסטו אינגאנצן פון קאפ געפאלן?", באפאלט ער מיר, "דו ווילסט מיר צוגלייכן צו די דור המדבר, די דור דעה, דו האסט א השגה ווער זיי זענען געווען? מיר פארמאגן נישט די מינדעסטע באגריף אין זייער גרויסקייט, ווילסטו מיר צושטעלן צו זיי?"

- "אבער איר האט דאך מיר אליין פריער געזאגט אז איר גלייבט אז דער אייבערשטער געבט אייך פרנסה?!"

"אוודאי גלייב איך אז דער אייבערשטער קען מיר געבן פרנסה אָן צו דארפן אזוי שווער שוויצן דערפאר, אבער דו דארפסט פארשטיין, אז דאס איז אלעס פיין און וואויל, ווען איך וואלט זיך וועון אויפגעפירט אזויווי די פריערדיגע הייליגע און גרויסע צדיקים, אבער איך" - ערקלערט מיר ר' שמואל - "ווייס דאך יא ווער איך בין, ווי וואקלדיג מיין אמונה און בטחון איז, און וויפיל 'מעשים טובים' איך האב אלץ אפגעטאן... און דער אייבערשטער ווייסט דאס אויך זייער גוט, איז וועלכע היתר האט אזא איינער ווי מיר צו זיין רואיג און האבן בטחון אינעם אייבערשטן? פאר אזא מענטש ווי מיר איז אזא זאך, די גרעסטע פגם, עס ווייזט אויף סתם פוילקייט און אומ'אחריות. נאכמער", לייגט ער צו, "לויט מיין רוחניות'דיגן שטאנד, ווייס איך נישט, אויב מיין שווערע ארבעט פון וואס איך קום אהיים יעדן טאג אזוי אויסגעשעפּט, קען ערפילן אפילו א מיליאָנ'סטל פון וואס איך וואלט געשאצט אז איך דארף אפקומען אויף מיינע עוונות!"

"אַהאַ איך פארשטיי, דאס הייסט, בעצם גלייבסטו אז דער אייבערשטער **קען** דיר געבן פרנסה, נאר דו האלסט אבער אז אין פאקט **טוט** ער דאס נישט צוליב דיינע עוונות און פגמים - האב איך גוט פארשטאנען?"

- "אבסאלוט!"

*

יא, טייערע ליינער. אלע האבן בטחון אז נאר דער אייבערשטער 'קען' געבן, אבער יעדער מאכט צו זיך דעם חשבון, אז דאס איז אלעס געזאגט געווארן פאר א יעדן איינעם - חוץ ביי מיר... און נישט ווייל איך האלט ח"ו אז דער אייבערשטער קען מיר נישט געבן, נאר ווייל איך בין פשוט נישט ראוי און פאסיג דערצו, און מיט רעכט - לויט ווי איך קען זיך...

דאס איז אבער גאר א געפערליכע יסודות'דיגער טעות אין די יסוד פון אמונה. וויבאלד דער עיקר אמונה און בטחון פון א יעדע מענטש, איז לויט ווי ר' נתן שטעלט אוועק, טאקע אין אזא פאל, ווען דו ווייסט ביי זיך גאר גוט אז דו ביסט נישט ווערד אז דער אייבערשטער זאל זיך אראפלאזן צו דיר און דיר געבן פרנסה אָן דעם וואס דו זאלסט דארפן אזוי שוויצן דערפאר, מיט דעם אלעם - **גלייב אין די ענדלאזע רחמנות פונעם אייבערשטן** אז ער וועט דיר אויך געבן וואס דו דארפסט!. אויף דיינע שלעכטע מעשים דארפסטו זיכער תשובה טוהן, און רעד זיך נישט איין אז מען וועט פארקוקן אפילו אויף איין קליינע עבירה'לע, אבער ח"ו אז דו זאלסט וועגן דעם נאך מער דערצערענען דעם אייבערשטן דורכ'ן זיך דערווייטערן אויך פון בטחון צוליב דיינע עוונות!

**רעד זיך נישט איין אַז מען וועט פאַרקוקן אַפילו אויף איין קליינע עבירה'לע, אָבער ח"ו אַז דו זאָלסט וועגן דעם נאָך מער דערצערענען דעם אייבערשטן דורכ'ן זיך דערווייטערן אויך פון בטחון צוליב דיינע עוונות!**

אָט לייגט נאר גוט צו קאָפּ צו די גאלדענע ווערטער פון "ליקוטי עצות" ('בטחון', ד'), ווי ער שטעלט אוועק די פונדאמענט פון 'בטחון' פאר א יעדן איד! וואס מיר וועלן עס אראפברענגען פאר אייך חשוב'ע ליינער אין א פרייע איבערזעצונג אויף אידיש. שרייבט רבי נתן ווי פאלגענד: "אפילו אויב דער מענטש ווייסט ביי זיך אז זיינע מעשים זענען נישט אזוי ווי עס דארף צו זיין, **אַל יִפֹּל מֵהַבִּטָּחוֹן מֵחֲמַת זֶה** זאל ער נישט אראפפאלן וועגן דעם פון זיין בטחון, צו זאגן: ווער בין איך זיך צו פארלאזן און זיך אנלענען אויפן אייבערשטן - נאך וואס איך האב אזויפיל שלעכטע מעשים אפגעטאן? נאר ער זאל זיך פארלאזן אויף די חסדים און רחמנות פון השי"ת וואס ווערט קיינמאל נישט אויסגעלאזט - אז ער וועט רחמנות האבן אויף אים אויך!... און ער זאל זיך נישט מוטשען מיט דאגות אויף פרנסה צוליב זיין קליינקייט אין זיינע אויגן ("מוחין דקטנות" בלע"ז), נאר ער זאל זיך שטארקן מיט בטחון **וויאזוי ער איז נאר**, וויבאלד זיין כוונה איז לשם שמים - אט דאס און דאס גלייכן, פירט ער אויס, ווערט אנגערופן "בטחון דקדושה"!". (לאפוקי ווען מען איז עוסק און קרומע אומלעגאלע געשעפטן זיך פארלאזנדיג אויפן 'אייבערשטן' אז מען וועט אים נישט כאפן... וואס אט דאס, זאגט ר' נתן, ווערט אנגערופן: "בטחון דסטרא אחרא" וד"ל).

*

*המשך בעמוד ב'*

## • מעט מן האור •

*ליקוטים מובחרים מתורתו של רביה"ק ותלמידיו*
*בלשון קצרה ובסגנון קל, להחיות בהם נפש כל חי*

### פרשת השבוע

**וּפַרְעֹה הִקְרִיב** *(יד, י)*

ואיתא במדרש **שהקריב ישראל לאביהם שבשמים**. כי בני ישראל הכשרים כל מה שדוחקים אותם ח"ו הם בורחים בכל פעם להשי"ת, כי הם יודעים שאין מקום לנוס ולברוח כי אם אל השי"ת. נמצא **שע"י רדיפתו אותם נתקרבו יותר להשי"ת!**

*(ליקו"מ תנ' י"ג)*

**וַיַּרְא יִשְׂרָאֵל וגו' וַיַּאֲמִינוּ בַּה'** *(יד, לא.)*

אע"פ שעשה משרע"ה כמה נסים במצרים ועל הים, וראתה שפחה וכו', אחר כל אלה נאמר "**ויאמינו בה'**". **כי העיקר הוא האמונה!** אלא ההשגות והמופתים שראו אז היה **רק** כדי **לחזק אמונתם יותר!**

*(ליקו"ה גילוח ה"ג, י"ח)*

**עָזִּי וְזִמְרָת קָהּ וַיְהִי לִי לִישׁוּעָה** *(טו, ב)*

"**עזי** וזמרת י-ה" - ע"י **עזות** ועקשנות דקדושה, עי"ז **ויהי לי לישועה!** כי אם יהיה עקשן לבלי להניח את רצונו (עכ"פ) בשום אופן, אף אם מפילין אותו כמו שמפילין אותו ח"ו, רח"ל, אזי **סוף-כל-סוף בוודאי יעזרו 'ויושיעו' השי"ת!**

*(ליקו"ה ברכת המזון ה"ד, י"ב)*

**לערנענדיג** די פרשה מיט א גרינטליכע בליק, זעען מיר עטליכע מאל ווי פארשידענע שוועריקייטן און נסיונות זענען אונטערגעקומען פאר כלל ישראל הארט נאכ'ן ארויסגיין פון מצרים, דא - ביים ים, דא - אָן וואסער, דא - אָן עסן, און ווי וואונדערליך איז, אז א יעדעס מאל באזונדער זענען זיי ווידער געווארן פארדאגה'ט און אנגעצויגן 'וואס וועט דא זיין?'... לכאורה איז אומפארשטענדליך, וואס האבן אידישע קינדער נאכנישט מיטגעהאלטן ביז אהער - ווען דער אייבערשטער האט איבערגעקערט פאר זיי הימל און ערד ביי די מכות אין מצרים מיט אזעלכע וואונדער און מופתים - אז עס זאל נאך איבערבלייבן עפעס פלאץ פאר קווענקלענישן אין הארץ צו דער אייבערשטער האט זיי ליב?

מיט אונזער שמועס ביז אהער, איז דאס ר' נתן מסביר הערליך שיין. אידישע קינדער האבן טאקע מיטגעהאלטן וויאזוי דער אייבערשטער האט געטוהן פאר זיי אלעס אין דער וועלט, אבער טאקע צוליב דעם האבן זיי שטענדיג געהאט די געפיל אז אפשר האבן מיר זיך נישט גענוג צוגעשטעלט וואס דערפאר איז דער אייבערשטער שוין מער נישט אינטערסירט אין אונז, והא ראיה - זע נאר די פרישע צרה וואס ער האט געברענגט אויף אונז... - אט דאס איז געווען די פגם! וויבאלד כאטש א מענטש דארף טאקע שטענדיגן וויסן זיין וויטקייט פונעם אייבערשטן, מיט דעם אלעם דארף ער אבער גלייבן אין די גרויסקייט פון די רחמנות פונעם אייבערשטן אז אפילו ער פארדינט זיך נישט די אלע נסים, מיט דעם אלעם וועט אים דער אייבערשטער אויך העלפן, וויאזוי ער קוקט נאר אויס, ווילאנג ער האפט נאָר צום אייבערשטן!

קראנטע ערציילונגען פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים:

# פארמישט מיט א טיר

עס איז געווען א נאך שווערן פרימארגן פאר לייבל, טראצדעם וואס ער איז שוין פונלאנג געווען געוואוינט צו זיין אלגעמיינע שווערע לעבן און סדר היום, איז אבער דער היינטיגער טאג שוין געקומען צום קלימאקס. לייבל איז שוין געווען אימיונירט צו ביטערע פרעסטן און אומדערטרעגליכע היץ, ער האט זיך שוין צוגעוואוינט צו שלאפן אויף הארטע בענק אונטערן בלויזן הימל, און זיך צו וואלגערן פון איין הויז צום צווייטן ווערנדיג באגאסן מיט שלאק-רעגנס, אבער דעם היינטיגן טאג האט געגעבן צו שפירן דאס וואס ער האט קיינמאל נישט געפילט אויף זיינע ביינער.

אינעם פריערדיגן טאג, ווען די זון האט אנגעהויבן אונטערגיין, האט זיך לייבל פלינקערהייט איינגעפאקט זיין קליינטשיקע וואליזע, ווי ער האט אריינגעשטופט זיין טלית און תפילין, א ביסל וואסער און אן אויסגעדינטן אויבער-ראק זיך צו קענען ארומנעמען אין פאל פון נויט. די וועטער איז געווען קאלט און ציפעדיג. יעדע פאר מינוט האבן מילדע ווינטן געטוהן אויפשאקלען די הויכע פעסטע ביימער. לייבל, זייענדיג א געשולטער קבצן, האט גרינגערהייט אנאליזירט די הימלען וועלכע האבן באקליידעט דעם שטאט 'קאמיק' אין וועלכע ער האט זיך אויפגעהאלטן צייטווייליג, און באשלאסן אז טראץ די שווערע וועטער איז די וועג פארזיכערט, און ער קען זיך ארויסלאזן אויפן וועג.

זיינע פיס האבן אים פלינקערהייט געטראגן צום עק פון שטאט, און ביז א קורצע ווייליע איז ער ווי איינגעשלינגען געווארן צווישן די מאכטפולע וועלדער וועלכע האבן ארומגענומען דעם גאנצן ראיאן, האפנדיג אנצוקומען ביז עטליכע שטונדן קיין לאדזש.

עס איז נישט אריבער מער ווי צוויי שעה - לייבל האט זיך שוין געפינען טיף אונטערוועגס, קלעטערנדיג צווישן שטעגן און וועגן - ווען די הימלען האבן אנגעהויבן טוישן פארבן, און פון א שיינע און קלארע הימל, האט זיך צוביסלעכווייס אנגעהויבן באווייזן א דיקע און שווארצע וואָלקן. די ווינטן זענען שטערקער און ווילדער געווארן מיט יעדע פארבייגייענדע מינוט. לייבל האט אנערקענט אינעם פראבלעם אין וואס ער געפינט זיך, זיין עקספערטיז האט אים געלאזט גרינגערהייט אפשאצן אז ביז געציילטע מינוטן גייט זיך אראפלאזן א געפערפולע זאווערוכע.

ער האט זיך נישט גענארט. ביז עטליכע מינוט האבן זיך אנגעהויבן באווייזן די ערשטע טראפנס פונעם שניי, און מיט יעדעס מינוט וואס איז פארביי האט זיך די שניי בלויז פארשטערקערט ווערנדיג באגלייט מיט שטורעמישע ווינטן. ביז א קורצע ווייליע איז די גאנצע וואלד געווען באדעקט מיט א דיקן שיכט פון שניי, און בלויז די פיס טריט פון לייבל האבן געטוען פארפלעקן דעם ציכטיגן ווייסן איבערדעק.

לייבל איז אריין אין א פאניק, ער האט געוואוסט אז ער האט נאך צוגיין עטליכע שעה ביז זיין דעסטינאציע, און זייענדיג באקאנט מיט די גאנצע אומגעגנט האט ער געוואוסט אז די גאנצע וועג ביז לאדזש איז פוסט און באזעצט בלויז מיט וועלדער און פוסטע פעלדער, וועלכע זענען שוין ביי דעם פונקט געווען באדעקט מיט איבער א פיס שניי.

זיינע הענט האבן געציטערט פאר קעלט, און זיין פיס האט זיך געווארפן פאר שרעק. ער איז געווען איינער אליין אין א פוסטן געגנט, ווייט פון סיי וועלכן באוואוינטן שטאט אדער דאָרף. אן קיין שום שיין פון האפענונג האט ער פארקירעוועט זיין דירעקציע און זיך געוואנדן צו אן אומבאקאנטן זייטיגן וועג, וועלכע האט זיך קוים ארויסגעוויזן פון צווישן די הויפנעס פון שניי וועלכע זענען געפאלן אומאויפהערליך, האָפענדיג צו טרעפן א שטאט ווי ער זאל זיך קענען דערכאפן דאס הארץ מיט א הייסן טעלער זופ זיך אנצוווארמען די פארפרוירענע ביינער און איבערלעבן דעם ביטערן קאשמאר.

צו זיין גרויס פרייד האט ער ביז א קורצע ווייליע באמערקט די ליכטיגע שטראלן וועלכע האבן זיך באוויזן עטליכע קילאמעטער ווייט. די זון האט שוין עטוואס אויפגעלאכטן אבער זי איז געבליבן פארשטעקט אונטער די דיקע וואלקענעס, ווען לייבל האט דערגרייכט דעם ערשטן הויז פונעם דארף. מיט בייזע בליקן האט ער באטראכט די שילד ביים הויפט שטעג וועלכע האט אנגעזאגט אז ער האט נארוואס דערגרייכט דעם שטעטל סענטשין.

מיט שנעלע טריט האט ער זיך געוואנדן צום ערשטן טיר, און זיך געבעטן ביים מידן איד וועלכע איז ערשינען ביים טיר מיט בייזע בליקן, אז ער זאל אים אנווייזן ווי ער קען זיך דערכאפן דאס הארץ. דער איד האט אים אנגעוויזן אויף א הערליכע געביידע אינעם צענטער פונעם שטאט וועלכע האט ליבערשט אויסגעקוקט ווי די הויז פונעם מאיער זעלבסט.

אין איילנדע שריט האט ער זיך געוואנדן צום פראכטפולן טיר וועלכע האבן באשיינט דעם פאלאץ, און פארסאפעטערהייט אריינגעקלאפט אויפן טיר. נאך עטליכע מינוט האט זיך באוויזן א ברייט-ביינערדיגן פארשוין אנגעטון אין א רייכן אנצוג, געבנדיג דעם איינדרוק אז ער איז דער קעניג איבער גאנץ פולין...

"וואס ווילסטו" - האט יענער געפרעגט פון לייבל אין א בייזע שטימע.

"עסן, טרינקן, זיך דערכאפן דאס הארץ", האט לייבל געמורמלט, "מ'האט מיר געזאגט אז דא איז די בעסטע ארט פאר קבצנים".

דער שטרענגער מאן האט אנגעשטעלט צוויי שארפע אויגן אויף לייבל, און דאן זיך אנגערופן צו אים:

"הארץ און גערן, ביי מיך וועסטו אלעס האבן אויפן שענסטן סטאנדארט, אבער... גארנישט איז נישט אומזיסט. נעם דיר דעם האק און צושנייד דעם ריזיגן האלץ פונעם הויף אויף קליינע שפענדלעך, און דערנאך וועל איך דיר צושטעלן מכל טוב וטוב".

לייבל האט געמיינט אז זיין נשמה פליהט אים ארויס, ער איז געווען כוח'לאז און מוטלאז, אבער קיין אנדערע ברירה האט ער נישט פארמאגט, און מיט א שווערע הארץ האט ער זיך גענומען צום ארבעט.

ווען שווייס האט זיך שוין געגאסן פון אלע זייטן, האט לייבל ענדליך געזעהן אז זיין ארבעט קומט שוין צו אן ענדע. מיט איינגעבויגענע ביינער האט ער זיך געוואנדן צום בעל הבית בעטנדיג פאר זיין פארדינטן אפצאל...

דער בעל הבית האט אויסגעזען העכסט צופרידן פון זיין ארבעט און אנגעוויזן פאר לייבל אויף זיין ספעציעלן דעזיגנירטן הכנסת אורחים קיך.

לייבל איז געווען איבערראשט פון וואס עס האט זיך אנטפלעקט פאר זיינע אויגן. דער זאל איז געווען איגערגעפילט מיט צענדליגע בעטלערס און שלעפערס ווען פילע סארווירערס דרייען זיך צווישן די פארזאמלטע און סערווירן פון די שענסטע און בעסטע. לייבל זעצט זיך אוועק אויף איינע פון די טישן און לאזט זיך סערווירן כיד המלך, ער האט דאך יא געוואוסט ווי שווער ער האט געארבעט דערפאר.

ווען ער האט זיך אביסל דערכאפט דאס הארץ האט ער פארקירעוועט א שמועס מיט זיין דערנעבנדיגן שכן, און ער האט אים געשילדערט די ביטערע שווערע ארבעט וואס ער האט געארבעט אויף צו ערהאלטן זיין פארציע... דער בעה"ב וועלכע איז פונקט דאן אריבער און אונטערגעהערט זייער געשפרעך האט זיך הויעך געוואונדערט אויף די געשיכטע וואס ער האט נארוואס געהערט פון לייבל, און האט אים געבעטן ער זאל אים גענוי אראפמאלן דעם געזיכט פונעם בעה"ב וועלכע האט אים געמאכט ארבעטן אזוי שווער פאר זיין פארציע.

ווען לייבל האט גוענדיגט אראפמאלן זיין געשיכטע מיט לעבעדיגע פארבן, האט דער מכניס אורח נישט געוואוסט צו לאכן אדער וויינען, און האט זיך אנגערופן צו לייבל:

איי איי איי, דו האסט בטעות אריינגעקלאפט צו מיין שכן, דער שטאט-באקאנטער קמצן, און ער האט באשלאסן אויסצוניצן דיין נאַאיווקייט פאר זיינע בענעפיטן... דו האסט געארבעט גענצליך אומזיסט דא איז א אכסניא ווי קען מען עסן פריי אָן קיין שום אפצאל ---

- ווען דער הייליגער רבי האט פארענדיגט דערציילן די געשיכטע האט ער אויסגעפירט: א מענטש מיינט אז ער פארדינט זיין פרנסה צוליב זיין פלייסיגע ארבעט און הארעוואניע, אבער דער אמת איז, אז **מען ארבעט אומזיסט און מען עסט אומזיסט!** - ווייל פרנסה קומט פונעם אייבערשטן גלייך!

ואלו יעמדו על הברכה

מוה"ר שלמה דוב לעפקאוויטש הי"ו
בארא פארק
שתרם 1,000 גליונות
לרגל נישואי בתו
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר יעקב נתן ליכטער הי"ו
וויליאמסבורג
שתרם 500 גליונות
לרגל הולדת בנו, ונכדו אצל חתנו מוה"ר יוסף שלמה פרענקל הי"ו

מוה"ר אהרן שמואל האלד הי"ו
ירושלים
שתרם 500 גליונות
לרגל הולדת הבת למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר יונה צבי האבערפעלד הי"ו
ירושלים
שתרם 500 גליונות
לרגל הולדת בנו למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר יוסף שלמה פרענקל הי"ו
וויליאמסבורג
שתרם 500 גליונות
לרגל הולדת בנו למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר אשר זאב מייזעלס הי"ו
וויליאמסבורג
שתרם 500 גליונות
לרגל הולדת בנו למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר אלימלך הילל הערשקאוויטש הי"ו
בלומינגראוו
שתרם 500 גליונות
לרגל הכנסת בנו לעותומ"צ
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

משפחת ליכטער
לע"נ אבידם מוהר"ר יהודה ב"ר אברהם ע"ה
גבאי נאמן דביהמ"ד ברסלב-מאנסי
נפטר כ' שבט תשע"ט

מערכת ברסלב
646.585.2985
קול משיב לשואל
718.362.8870